בעזרת השם יתברך

# פרק יא-יב

## • תולדות •

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות. אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן אויף יענער וועלט, שטייענדיג פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד.

❖

דער וועלט באַרימטער "**חתם-סופר**" זי"ע, באַטאַנט אין זיין צוואה: "די טעכטער זאלן לערנען אין די ערלעכע ספרים אויף אידיש, וואס זענען באַזירט אויף די אגדות חז"ל.

# אינהאלט
## פון פרקים יא-יב


א. אין פרק יא ווערט ערקלערט: די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות ........ ה

ב. מ'דאַרף בעטן יעדן טאָג ס'זאָל אונז ביישטיין דער זכות התורה און זכות האבות ........ ה

ג. די תפילה האָב איך געפונען ביי די פריערדיגע חכמים, אין די טעג פון רש"י זכרונו לברכה ........ ו

ד. אינדערפרי איז אַ צייט פון באַוויליגונג און רחמים ........ ו

ה. אַ מאָל קומט אַ צרה צו דערמאַנען אויף תשובה ........ ז

ו. דער מענטש זאָל נישט שטעלן אויף זיך ביז זיין לעצטן טאָג ........ ח

ז. ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש ווערט אַלט וועט ער מער נישט זינדיגן ........ ח

ח. און איך בין געקומען מער נישט ווי וואָרענען דו זאָלסט נישט ענדערן פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט ........ ח

ט. דאַוונען פאָדערט: אַ ריינעם גוף און געוואַשענע הענט ........ ט

י. איז דאָך אַמאָל זיכער אַז דער מענטש דאַרף זיך רייניגן ווען ער וויל זיך הייליגן פאַרן דאַוונען ........ ט

יא. נטילת ידים דערווייטערט די קליפות פון מענטשן ........ י

יב. ווי איז אָבער צו די מענטשן וועלכע זענען נישט אָפגעהיט און היטן נישט דעם כבוד פון זייער האַר ........ י

יג. אַז מ'גרייט צו אַ כלי ביים לערנען טאָמער וועט ער אָנרירן אין אַ צוגעדעקטן אָרט אין קערפּער, און דאָס איז זייער אַ גלייכע זאַך ........ יא

יד. נישט זיצן אין שוהל לעבן אַ רשע ........ יא

טו. פון אַן עבירה ווערט באַשאַפן אַ משחית וואָס באַקלייד'ט זיך ווי אַ האָלץ אָדער ווי אַ שטיין און שפּעטער ווערט דער בעל-עבירה אַליין געשטרויכלט פון דעם ........ יא

טז. פון די עבירות ווערט באַשאַפן רויבער ........ יב

יז. דער כלל איז אַז דער כוח פון אַן עבירה וואָס ברענגט די סטרא אחרא דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן איז זייער געוואָרן מסוכן ........ יב

יח. דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן געוואָרן ווערט אַ מקום סכנה, און די געשיכטע פון זוהר ........ יג

יט. השם-יתברך מאָנט דאָס בלוט פונעם כהן תלמיד חכם, וואָס דער עם הארץ האָט אים געהרגעט ........ יד

כ. דאַווען נישט נעבן אַ רשע וועט די תפלה אָנגענומען ווערן ........ טו

כא. אין פּרק י״ב ווערט ערקלערט: אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט זיין אויף יענער וועלט, שטייענדיג פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד ........ יז

כב. ס׳זאָל זיין דיין רצון מסדר צו זיין דיינע רייד אין מיין מויל ........ יז

כג. אויב רבי שמעון בר-יוחאי, וואָס האָט געבויט הייליגע וועלטן מיט די פּאַרע פון זיין מויל, האָט געבעטען ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן - אונז על אחת-כמה-וכמה ........ יח

כד. ווי אַזוי איז דער חסיד ר׳ חיים וויטאַל זכרונו לברכה געקומען צו זיין גרויס פאַרשטאַנד ........ יח

כה. וויל און מיינע יונגע יאָרן האָב איך געלערענט תורה אָן התמדה און נישט מדקדק געווען אין מעשים טובים ........ יט

כו. דער אריז״ל שטאַרקט און מוטיגט ........ יט

כז. רוח הקודש אין זכות פון גלוסטן נאָך חידושי תורה ........ כ

כח. אַ חסיד קומט אין חלום מיט אַ שטאַרקע ליכט אויף די האָר פון קאָפּ און פון באָרד ........ כ

כט. אַ חסיד וועלכן מען האָט געוואָלט מכשיל זיין אין אַן עבירה האָט געהערט אין חלום אַ קלאַפּ אין פענסטער און איז דורך דעם ניצול געוואָרן ........ כא

# פרק יא

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות

**א. ידוע,** עס איז באַוואוסט און אַנטפלעקט צו יעדער וואָס ווייסט אונזער הייליגע תורה, אַז די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן, און דורך דעם האָבן אידן אַ קיום. די צוויי זיילן זענען, דער זכות התורה און דער זכות האבות, און דעריבער לייכט דער מאָרגנשטערן יעדן טאָג מיט דערבאַרימקייט און גוטן ווילן צו די אידן.

## מ'דאַרף בעטן יעדן טאָג ס'זאָל אונז בייַשטיין דער זכות התורה און זכות האבות

**ב. ובהיות,** און ווייל השם יתברך גלוסט צו די תפילות פון ערלעכע אידן, זאָל דעריבער דער מענטש בעטן יעדן אינדערפרי, עס זאָל אונז בייַשטיין דער זכות פון די הייליגע תורה און דער זכות פון די הייליגע אבות.

**ג. ובהיות,** און ווייל די ערשטע ברכה איז "על נטילת ידים" (בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם) און די ברכה הייבט זיך אָן מיט דעם אות בי"ת, און לאָזט זיך אויס מיט דעם אות מ"ם וואָס צוזאַמען זענען זיי מ"ב, צוויי מאָל כ"א. דאָס איז אַ רמז אויף די צוויי עמודים, דער עמוד פון תורה און דער עמוד פון זכות אבות, ווייל די פינף חומשים הויבן זיך אָן מיט אַ ב' פון בראשית, ו' פון ספר ואלה שמות, ו' פון ספר ויקרא, ו' פון ספר במדבר, א' פון ספר אלה הדברים, און די גימטריא פון אַלע אותיות איז כ"א אַנטקעגן דעם שם אהי"ה, און די ראשי-תיבות פון די אבות איז אויך גימטריא כ"א אַנטקעגן דעם שם אהי"ה: א'ברהם, י'צחק, י'עקב, גימטריא כ"א, ביידע צוזאַם איז גימטריא מ"ב.

## די תפילה האָב איך געפונען ביי די פריערדיגע חכמים, אין די טעג פון רש״י זכרונו לברכה

**ד. לכן,** דעריבער פירן זיך אנשי מעשה צו בעטן פון השי״ת באַלד נאָך די ברכה "על נטילת ידים" און זאָגן די דאָזיגע תפילה: "אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת, יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתַּעֲמוֹד לָנוּ זְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב לְהַצִּיל אוֹתָנוּ וְאֶת כָּל זַרְעֵנוּ מִכָּל פֶּשַׁע וְעָווֹן כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְווֹת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה בְּלִי שׁוּם מַחֲשָׁבָה זָרָה, וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים, אָמֵן". די מצוה פון די דאָזיגע ברכה זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן וואָרום די תפילה האָב איך געפונען ביי די פריערדיקע חכמים, וועלכע האָבען געלעבט אין די טעג פון רש״י זכרונו לברכה, וואָס איז אָנגענומען ביי זיי אַז פון דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און מען האָט מער נישט געקענט מקריב זיין קרבנות, זענען די תפילות אויפן אָרט פון אַ קרבן צו מעורר זיין רחמים אויף אונז, און ספּעציעל אין היינטיקע צייטן דאַרפן מיר גרויס רחמים און דער קאָפּ איז נישט קלאָר ביי אונז צו דאַווענען, צוליב דעם יאָך פון פרנסה, וואָס צוליב דעם שטעלט ער ממש איין זיין לעבן, און אַ מאָל נאָכלויפנדיק דאָס געלט קומט ער צו זינד, ווי אָפּצונאַרן יענעם אָדער צונעמען ביי יענעם, אַז ער זאָל האָבן וואָס צו עסן*.

## אינדערפרי איז אַ צייט פון באַוויליגונג און רחמים

**ה. על-כן,** דעריבער האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה איינגעשטעלט די תפילה צו בעטן ביי השם יתברך ער זאָל אונז ראַטעווען פון יעדן זינד און וויבאַלד אַז נישט אַלע צייטן זענען גלייך צום דאַווענען ווי דאָס דאַווענען אינדערפרי, שחרית, וואָס דאַן איז אַן "עת רצון ועת רחמים", אַ צייט ווען די תפילות ווערן

* **הערה:** ס׳איז וויכטיג אַז יעדער איד זאָל מאַכען אַ קאָפּיע פון די אויבענדערמאַנטע תפלה און האַלטען אין טלית אָדער תפילין בייטעל. אָדער אָפּשרייבען אויף אַ דעקל פון סידור.

אָנגענומען און אַ צייט פון דערבאַרעמקייט, דעריבער איז גוט צו זאָגן די תפילה באַלד נאָך די ברכה "על נטילת ידים", ווייל אין איר איז מרומז דער זכות פון תורה און דער זכות פון די אבות, ווי עס איז פריער דערקלערט געוואָרן. אויב אָבער דו וועסט אויפהערן צו זאָגן די תפילה, קען נאָך די מדת הדין דיך באַגעגענען פאַר דער תפלה און אויסגיסן אויף דיר איר צאָרן פלוצלונג, אין צייט פון דין ווייל די מדה הדין איז שוין גרייט.

**ו. בן אדם,** דו, מענטש, אויב דו ווילסט פאָלגן מיין עצה, שטיי אויף און שטאַרק זיך צו באַוויליגן השם יתברך, דורך דאַוועגען און טוהן מעשים טובים, ווייל ער איז גרויס, שטאַרק און פאָרכטיג. ער טוט אַלץ מיט אַ מאָל. ער טויט און מאַכט לעבעדיג, פאַרוואונדעט און היילט, מאַכט אָרעם און רייך, נידערט אַראָפּ און הויבט, מאַכט הונגעריק און זאַט, נידערט אַראָפּ צום גהינום און ברענגט אַרויף, ער זינקט דעם מענטש אין טיפע וואַסערן און הויבט אים אויף, העלפט אים אין אַ צייט פון נויט, און העלפט אַ פרוי ביים געבוירן אַ קינד, ראַטעוועט מענטשן אויפן ים און די וועלכע גייען אין מדבריות פון שלעכטע חיות און שלענג, ער היילט קראַנקע און הערט זיך צו צום געשריי פון די אָרעמע און ראַטעוועט דעם געראַבטן פונעם רויבער.

## אַ מאָל קומט אַ צרה צו דערמאַנען אויף תשובה

**ז. ולפעמים,** און אַ מאָל ווען אידן ווילן נישט תשובה טאָן, ברענגט השם יתברך אויף זיי אַ צרה, דאַן הויבן זיי אויף זייערע אויגן צו השם יתברך מיט געוויין ביז זיי ווערן געהאָלפן אויפן אָרט, און דאָס איז צוליב די תשובה וואָס זיי טוען, ווען זיי וויינען און רעכענען אויס די זינד און נעמען צום האַרצן די זינד פון דער יוגנט, ווען זיי האָבן נישט געוואָלט פאָלגן השם יתברך נאָר טאָן ווי זיי גלוסט זיך און האָבן נישט געדענקט אַז דאָס לעבן ענדיגט זיך, און נאָך זייער

תשובה טאָן האָבן זיי זיך באַרעכנט אָפּצולאָזן די שלעכטע וועגן און זענען זיך שטענדיק מתוודה מיט אַ געוויין און תשובה טוען. צוליב דעם הערט זיך צו השם יתברך צו זייער געשריי זיי צו שיקן אַ הילף און דערבאַרעמקייט.

## דער מענטש זאָל נישט שטעלן אויף זיך ביז זיין לעצטן טאָג

**ח. על-כן,** דעריבער זאָל זיך דער מענטש נישט פוילן פון בעטן צו השם יתברך און זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין קלוגשאַפט אַזוי צו זאָגן: איך בין שוין געוואוינט מיט יראת השם און דער יצר הרע וועט מיר נישט אַראָפּפירן פון גלייכן וועג. לאָמיר זען וואָס עס שטייט אין ירושלמי (שבת פרק א׳ הלכה ג׳).

## ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש ווערט אַלט וועט ער מער נישט זינדיגן

**ט. מעשה,** עס איז געווען אַן עלטערע חסיד וועלכער פלעגט זאָגן "אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יְמֵי זִקְנָתְךָ" - דו זאָלסט נישט גלייבן אין זיך ביז דו ווערסט אַלט. (ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש ווערט אַלט וועט ער מער נישט זינדיגן. ער האָט זיכער נישט געהאַלטן פון דעם וואָס די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (אבות פרק ב׳ משנה ה׳) "אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ" - דו זאָלסט נישט גלייבן אין זיך ביז דו שטאַרבסט). איין מאָל איז דער שטן געקומען צו אים און איז געקומען נאָנט צו אים ביז ער האָט אים געבראַכט צו אַ הרהור עבירה, און דער חסיד האָט אָנגעהויבן רעדן צום שטן ווערטער וואָס ברענגען צו עבירה.

## און איך בין געקומען מער נישט ווי וואָרענען דו זאָלסט נישט ענדערן פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט

**י. ובתוך,** גלייך נאָך דעם האָט דער חסיד זיך איבערטראַכט און חרטה געהאַט און געזאָגט: וואָס טו איך און צו וועמען

דערנענטער איך זיך? און ער האט אָנגעהויבן וויינען אויף די ווערטער וואָס זיינען אַרויס פון זיין מויל, ווערטער וואָס קענען ברענגען דעם מענטשן צו אַן עבירה. ווען דער שטן האָט געזען אַז דער חסיד האָט צער, האָט ער אים געזאָגט, רבי זיי זיך נישט מצטער, איך בין געקומען מער נישט ווי וואָרענען דו זאָלסט נישט ענדערן פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט "אל תאמין בעצמך עד יום מותך" און נישט "עד זקנתך", און דער חסיד האָט דעמאָלטס אַנערקענט אַז דאָס איז ריכטיג.

## דאַווענען פאָדערט: אַ ריינעם גוף און געוואַשענע הענט

**יא. והנה,** נאָך דעם וואָס מיר האָבן פריער גערעדט אַז דער מענטש דאַרף דאַווענען מיט אַ צובראָכן האַרץ, וועלן מיר אויך דערמאַנען די גרויסע תועלת פון דאַוונען מיט אַ ריינעם גוף פון שמוץ און דער מענטש זאָל זיך אַריינטראַכטן וואָס עס שטייט געשריבן אין די ברייתא פון מעשה מרכבה (בתי מדרשות חלק א', מעשה בראשית אות מ"ז) ווי דערמאַנט פריער אין ערשטן פרק.

## איז דאָך אַמאָל זיכער אַז דער מענטש דאַרף זיך רייניגן ווען ער וויל זיך הייליגן פאַרן דאַווענען

**יב. שאותן,** ווייל יענע מלאכים וועלכע ווערן געשיקט אויף דער וועלט אויסצורופן וואָס ס'איז באַשטימט געוואָרן, ווען זיי גייען אַרויף קענען זיי נישט זאָגן קיין שירה ביז זיי טובל'ען זיך אין טייך "דינור" דריי הונדערט פינף און זעכציג טבילות און דערנאָך טובל'ען זיי זיך נאָך זיבן מאָל אין אַ ווייסן פייער, און די אַלע טבילות איז צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען נאָענט צו מענטשן. אויב אַזוי, אויב די אויבערשטע (מלאכים) דאַרפן זיך רייניגן און הייליגן צו זאָגן שירה פאַר השם יתברך, איז דאָך אַמאָל זיכער אַז דער מענטש דאַרף זיך רייניגן ווען ער וויל זיך הייליגן פאַרן דאַווענען.

## נטילת ידים דערווייטערט די קליפות פון מענטשן

**יג. ועיקר,** און די הויפט רייניגונג דארף זיין, אז דער מענטש זאל זיין געווארנט זיך צו וואשן די הענט באלד ווי ער גייט ארויס פון בית הכסא, ווען ער גייט ארויס פון באד, נאך געבן בלוט און שניידן די נעגל, נאכן שערן די האר, נאך דעם וואס ער האט א:גערירט צוגעדעקטע טיילן פון קערפער, ווי עס ווערט ערקלערט אין די פוסקים. און יעדער וואס איז געווארנט אין וואשן די הענט אין די אויבנדערמאנטע צייטן וועט נישט גיך קומען צו קיין זינד, און דער וואס איז נישט געווארנט אין דעם וועט קומען צו זינד. ווארום דער וואס איז מקיל אין דעם רינגלען אים ארום די קליפות וועלכע געוועלטיקן אין די אומריינע ערטער, און דורך וואשן די הענט זענען די קליפות געצוואונגען זיך צו דערווייטערן פונעם מענטש.

## ווי איז צו די מענטשן וועלכע זענען נישט אפגעהיט און היטן נישט דעם כבוד זייער האר

**יד. ובא,** קום און זעה וואס עס שטייט אין זוהר בראשית (הקדמה דף י' ע"ב). און אזוי שטייט דארט: "מַאן דְּעָיֵיל לְבֵית הַכִּסֵּא לֹא יִקְרָא בַּתּוֹרָה עַד דְּיַסְחֵי יְדוֹי, אֶלָּא וַי לִבְנֵי עָלְמָא דְּלָא מַשְׁגִּיחִים וְלָא יָדְעִין בִּיקָרָא דְּמָארֵיהוֹן וְלָא יָדְעֵי עַל מָה קָאֵי עָלְמָא. רוּחָא חֲדָא אִית בְּכָל בֵּית הַכִּסֵּא דְּשָׁרֵי תַּמָּן, וּמִיָּד שָׁארֵי עַל אִנּוּן אֶצְבְּעִין דִּידוֹי דְּבַר נָשׁ". - דער וועלכער גייט אריין אין בית הכסא, זאל נישט לערנען תורה ביז ער וואשט די הענט. ווי איז אבער צו די מענטשן וועלכע זענען נישט אפגעהיט און היטן נישט דעם כבוד פון זייער האר, און ווייסן נישט אויף וואס די וועלט שטייט. אין יעדער בית הכסא געפינט זיך א רוח און ער רוהט באלד אויף די פינגער פון דעם מענטשן. פון דא זעען מיר אז די וואס ווילן זיין אפגעהיט אין מצות זאל זיין צוגעגרייט א כלי ביים בית הכסא צו וואשן די הענט גלייך ביים ארויסגיין פון בית הכסא.

## אַז מ׳גרייט צו אַ כליביים לערנען טאָמער וועט ער אָנרירן אין אַ צוגעדעקטן אָרט אין קערפּער, און דאָס איז זייער אַ גלייכע זאַך

**טו. וכן,** און אַזוי האָב איך געזען טייל מענטשן פירן זיך צו וואַשן די הענט באַלד אינדערפרי מיט אַ כלי גלייך ביים אויפשטיין פון שלאָף. אויך האָב איך געזען אַז מ׳גרייט צו אַ כלי ביים לערנען טאָמער וועט ער אָנרירן אין אַ צוגעדעקטן אָרט אין קערפּער, און דאָס איז זייער אַ גלייכע זאַך און ספּעציעל וואַשן די הענט פאַרן דאַווענען ווי עס שטייט (תהלים כו, ו): ״אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי וכו׳״. - איך וועל וואַשן מיט ריינקייט מיינע הענט. אויך שטייט (תהלים קג, א): ״בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה׳ וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ״ - מיין זעלע וועט בענטשן השם יתברך, און מיינע געדערים זיין הייליקן נאָמען.

## נישט זיצן אין שוהל לעבן אַ רשע

**טז. ועוד,** און נאָך עפּעס וואָס העלפט צום דאַווענען, ער זאָל נישט זיצן אין שוהל נאָענט צו אַ רשע, ווי איך האָב געשריבן פריער אין פרק ג׳, וואָרום וואו דער רשע זיצט דאָרטן רוהט די סטרא אחרא און דאָס אָרט איז אַ סכנה ניזק צו ווערן חס וחלילה.

## פון אַן עבירה ווערט באַשאַפן אַ משחית וואָס באַקליידט זיך ווי אַ האָלץ אָדער ווי אַ שטיין און שפּעטער ווערט דער בעל-עבירה אַליין געשטרויכלט פון דעם

**און** אַזוי געפינען מיר אין די ווערטער פון רבינו זכרונו לברכה אַז פון יעדער עבירה וואָס דער מענטש טוט און זעט נישט איר אָפּצואווישן דורך געוויין און וידוי, ווערט פון די עבירה באַשאַפן אַ משחית וואָס טוט זיך אָן אין אַ האָלץ אָדער אין אַ שטיין, און אין אַ צייט אַרום ווערט דער מענטש וואָס האָט געטאָן די עבירה, געשטרויכלט אין דעם האָלץ אָדער שטיין און ווערט ניזוק אין דעם, און ער מיינט אַז דער האָלץ אָדער שטיין האָט אים געטראָפן, דאָס איז

אָבער אַ טעות, ער ווייסט נישט אַז ער איז געטראָפן געוואָרן דורך די עבירה און דאָס איז אים מזיק, און דאָס איז וואָס עס שטייט (הושע יד, ב): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹהֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ" דייקא. - קער זיך אום ישראל, וואָרום דו ביסט געשטרויכלט געוואָרן אין דיינע זינד.

## פון די עבירות ווערט באַשאַפן רויבער

**יז. וכן,** און אַזוי האָב איך געהערט זאָגן אין נאָמען דעם חסיד רבי יהודה פון שידלאווצ'י זכרונו לברכה, וואָס האָט געזאָגט אויף יענע מענטשן וועלכע פאַראַטן זייערע ווייבער און גייען אין ווייטע מדינות צו זיין מלמדים פאַר קליינע קינדער, דערנאָך טוען זיי האַנדלען און קלייבן אָן פיל געלט, און עס איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי ווערן נכשל אין טומאה דורך הרהורי עבירה, און ווען זיי זענען גרייט צו גיין אַהיים באַפאַלן זיי רויבערס און נעמען ביי זיי אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. אָט די מענטשן ווייסן נישט אַז פון יעדע עבירה ווערט באַשאַפן אַ מזיק רחמנא ליצלן און די דאָזיגע מזיקים זענען אויס ווי מענטשן און נעמען ביי אים צו דאָס גאַנצע געלט. ביז אַהער זענען די ווערטער פון ר' יהודה פון שידלאווצע זכרונו לברכה.

## דער כלל איז אַז דער כוח פון אַן עבירה וואָס ברענגט די סטרא אחרא דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן איז זייער געוואָרן מסוכן

**און** ווי עס האט אויספירלעך ערקלערט דער רב בעל "כלי חמדה" און אויך דער רב בעל "מגלה עמוקות", אַז ווען דער מענטש וויל באַגיין אַן עבירה קומט דער מלאך וועלכער איז באַשטימט אויף דעם און שרייט אויס (תהלים לו, יב): "אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה וְיַד רְשָׁעִים אַל תְּנִדֵנִי" - זאָלסט צו מיר נישט ברענגען די פיס פון די בעלי גאוה און די האַנט פון די רשעים זאָל מיך נישט פאַרוואָגלען. און ווי עס שטייט אין זוהר פרשת בראשית (הוספות דף רס"ג ע"ב). דער כלל איז אַז דער כוח

פון אַן עבירה וואָס ברענגט די סטרא אחרא דער אָרט וואו די עבירה געטאָן געוואָרן מסוכן.

**דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן געוואָרן ווערט אַ מקום סכנה, און די געשיכטע פון זוהר**

**יח. ובא,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר שמות (דף מ״ט ע״א):

״רב חייא ורבי יוסי הוו אזלי באורחא במדברא, והוו עסקי באוריתא. אדהכי חמו חד בר נש דטעין משאוי. אמר רבי חיא לא נשתתף בהדיה דילמא עובד כוכבים הוא ואסור להשתתף עמיה, או שמא עם הארץ הוא ואין להתלוות עמיה. אמר רבי יוסף נעיין עליו דילמא תלמיד חכם או בר אורין הוא. אדהכי הגיע אליהם ועבר לפניהם ואמר להון צותא דילכון בסימא אלי ומתאוה אני להשתתף בהדיכו. אכן אנא ידענא אורחא אחר ולא באותה אורחא שאתם רוצים לילך בו, כי הוא מקום סכנה מאד, ואתם אינכם יודעים מזה, וחלילה לי שלא לגלות לכם ואתחיב בנפשיכו.

**יט. אמר,** רבי יוסי בריך רחמנא שהיינו ממתינים בכאן ואתחברו בהדיה. אמר להו הנה עדין צריכים אנו לילך באותו הדרך של סכנה ולא נשתעי מידי וניזול במהירות עד שנעבר אותו מקום סכנה. בתר נפקו אמר להו ברוך המקום שעזרנו לצאת מן המקום הזה, ואמר להם חד זמן הלך כהן תלמיד חכם אחד עם עם הארץ ועמד עם הארץ על הכהן תלמיד חכם והרג אותו, ומההוא יומא כל מאן דעבר בההוא אורחא שאתם רצים להלוך שמה ופוגע באותו המקום ניזוק כי מאותה שעה נעשה אותו המקום מקום סכנה ומתחבאין תמן גזלנים רצחנים וכל מי שעובר שמה אינו ניצול מיד הגזלנים כי הקב״ה תובע דמו של האי כהן ת״ח וכו׳״.

## השם-יתברך מאָנט דאָס בלוט פונעם כהן תלמיד חכם, וואָס דער עם הארץ האָט אים געהרגעט

דער איבערטייטש פונעם זוהר:

**דער** זוהר דערציילט: רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אין וועג אין מדבר און האָבן געלערנט תורה, דערווייל האָבן זיי דערזען אַ מענטש וואָס טראָגט אַ משא, האָט רבי חייא צו אים געזאָגט לאָמיר זיך נישט באַטייליקן מיט אים, ווייל אפשר דינט ער עבודה זרה טאָר מען זיך נישט באַטייליקן מיט אים. אָדער אפשר איז ער אַן עם הארץ דאַרף מען זיך אויך נישט באַהעפטן מיט אים. האָט רבי יוסי געזאָגט לאָמיר זען אפשר איז ער אַ תלמיד חכם. דערווייל איז ער געקומען צו זיי און געגאַנגען פאַר זיי און האָט געזאָגט צו זיי "אייער באַהעפטונג איז זיס צו מיר און איך גלוסט צו גיין מיט אייך", אָבער איך ווייס אַ וועג, נישט דעם וועג וואָס איר ווילט אין אים גיין, וואָרום דער וועג וואָס איר ווילט גיין איז אַ סכנה און איר ווייסט ניט, און ווען איך וואָלט אייך חלילה נישט געזאָגט אַז די וועג איז אַ סכנה וואָלט איך דערפאַר באַקומען אַ גרויסע שטראָף, דעריבער גייט מיט מיר אויף מיין וועג וואָס איך וועל ווייזן.

**האָט** רבי יוסי געזאָגט, געלויבט השם יתברך וואָס מיר האָבן דאָ געוואַרט, און זיי זענען געגאַנגען צו זאַמען מיט אים. האָט דער מענטש צו זיי געזאָגט, מיר דאַרפן נאָך אַביסל גיין אין דעם סכנה וועג, און לאָמיר גאָר נישט ריידן, און גיך גיין ביז מיר וועלן אַריבער גיין דאָס סכנה אָרט. נאָך דעם וואָס זיי זענען אַריבער געגאַנגען דעם סכנה וועג, האָט ער צו זיי געזאָגט, געלויבט השם יתברך וואָס האָט אונז געהאָלפן אַרויס גיין פון דעם דאָזיגן אָרט. ווייל איין מאָל איז געגאַנגען דאָ אַ כהן תלמיד חכם מיט אַן עם-הארץ, האָט דער עם-הארץ גע'הרג'עט דעם כהן תלמיד חכם. פון דעם טאָג אָן יעדער וואָס גייט אין די וועג און באַגעגנט דעם אָרט ווערט ער ניזוק, ווייל פון דעמאָלטס אָן איז דאָס אָרט אַ סכנה אָרט. און דאָרטן באַהאַלטן זיך

רויבער און רוצחים, און יעדערער וואָס גייט דאָרט ווערט געשעדיקט וואָרום השם יתברך מאָנט דאָס בלוט פון דעם כהן תלמיד חכם.

**דאַוונען נישט נעבן אַ רשע וועט די תפלה אָנגענומען ווערן**

**כ. הרי,** האָבן מיר דאָך קלאָר אַז די זינד מאַכט דאָס אָרט פאַר אַ מקום סכנה, דעריבער זאָל דער מענטש געוואָרנט זיין צו זיצן אין שוהל לעבן אַ פיינעם מענטש און נישט לעבן אַ רשע און דאַן וועט זיין תפילה זיכער אָנגענומען ווערן, און השם יתברך וועט אַריינגעבן אין זיין האַרץ צו רייניקן זיין קערפער און זיין נשמה אויף דער וועלט דורך אַ גאַנצע תשובה אַז זיין נשמה זאָל אָנגענומען ווערן מיט פרייד פאַרן כסא הכבוד.

❖ ❖ ❖

# פרק יב

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט זיין אויף יענער וועלט, שטייענדיק פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד**

**א. מה,** וויפל דאַרף דער מענטש בעטן מיט גרויס געוויין ביי השם יתברך ער זאל נישט זיין פאַרשעמט ווען ער קומט פאַרן כסא הכבוד, ווען די נשמה גייט אַרויס. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אַז ער האָט נישט וואָס צו זאָרגן ווייל ער האָט פיל זכיות און וועט געוויס אויסמיידן די בושה.

**ס'זאָל זיין דיין רצון מסדר צו זיין דיינע רייד אין מיין מויל**

**ב. בא,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין תיקוני זהר (תיקון כט, דף ע"ג ע"א): רבי שמעון בן יוחאי איז געזעסן און געלערנט תורה, האָט זיך אליהו הנביא אַוועקגעשטעלט הינטער די וואַנט און האָט געזאָגט, רבי, רבי, הייליקע ליכט, שטייט אויף און צינד אָן אַ ליכט, דאָס איז די ליכט פון משה רבינו ע"ה (זאָג דברי תורה וואָס איז געגליכן צו פייער). איז רבי שמעון בן יוחאי אויפגעשטאַנען אויף זיינע פיס און האָט געזאָגט:

**האַר** פון דער וועלט, דו ביסט דער האַר פון אַלע מלכים און אַנטפלעקסט סודות, עס זאָל זיין דיין ווילן מסדר צו זיין דיינע רייד אין מיין מויל, צו מקיים זיין אין מיר דעם פסוק "וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִם פִּיךָ" - איך וועל זיין מיט דיין מויל, כדי איך זאָל ניט אויף גיין מיט חרפה פאַר דיר.

## אויב רבי שמעון בר-יוחאי, וואָס האָט געבויט הייליגע וועלטן מיט די פּאָרע פון זיין מויל, האָט געבעטען ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן - אונז על אחת-כמה-וכמה

**ג. ואם,** און אויב רבי שמעון בן יוחאי וואָס ער האָט געבויט פיל הייליגע וועלטן מיט די פּאָרע פון זיין מויל, האָט געדאַרפט בעטן ער זאָל ניט ווערן פאַרשעמט פאַר השם יתברך, איז דאָך אַוודאַי געוויס מיר, און ספּעציעל ווען מיר גיבן זיך אָפּ מיט נארישקייטן פון דער וועלט איז דאָך אַוודאַי זיכער אַז מיר דאַרפן דאַווענען און בעטן צו השם יתברך מיר זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן ווען מיר וועלן שטיין פאַרן גרויסן און מוראדיקן דין, אוי וויי, אין וועלכן צושטאַנד וועלן מיר זיין דאָרט, און אַזוי זאָל אַ מענטש טראַכטן יעדן טאָג צו זיך אַליין, ווייל דער מענטש דאַרף זיך מתבודד זיין (ווי עס שטייט פריער אין פרק א) צו פאַרעכטן זיינע זינד שנעל, און עס איז אַ גרויסע פליכט זיך מתבודד צו זיין, און אפשר דורך דעם וועט השם יתברך אַראָפּנידערן אויף אים אַ גייסט פון פאַרשטאַנד, פון חכמה, בינה און דעת און יראת השם אים צו פירן אויפן ריכטיגן וועג: ער זאָל זיך נישט אָפּקערן פון די הייליגע תורה'דיקע וועגן, און ווען מיר וואָלטן זוכה געווען צום פאַרשטאַנד פון די ערשטע חכמים, וואָלט אונזער פאַרשטאַנד געווען גאַנץ צו דערגרייכן אונזער באַגער און געבעט צום גוטן.

## ווי אַזוי הקדוש רבי חיים וויטאַל זכרונו לברכה איז געקומען צו זיין גרויס פאַרשטאַנד

**ד. ובא,** קום און זעה וואָס מיר געפינען שטיין אין די כתבים פון רבי חיים וויטאל זכרונו לברכה, און אַזוי שרייבט ער: וועגן דעם וואָס איך האָב געוואָלט פאַרשטיין, האָב איך געפרעגט מיין נשמה, און זי האָט מיר געענטפערט איך זאָל פאַסטן פערציג טעג נאָכאַנאַנד, אָנגעטאָן און אַ זאַק און אַש און נאָכדעם זאָל איך פאַסטן מאָנטיג, דאָנערשטיג און מאָנטיג צוויי און האַלב יאָר נאָכאַנאַנד און דאַן וועל איך קריגן דעם פאַרשטאַנד אָן קיין אַריינמישונג פון דעם סטרא אחרא.

## וויל און מיינע יונגע יאָרן האָב איך געלערנט תורה אָן התמדה און נישט מדקדק געווען אין מעשים טובים

**ה. וכה,** און אַזוי האָט מיר די נשמה געהייסן, אַז נאָך דעם וואָס איך וועל גיין אָנגעטאָן מיט אַ זאַק און אַש און פאַסטן א״ין חודש, דאַן וועט אָנפאַנגען דער פאַרשטאַנד צו פונקציאָנירן אין אַן אויפן אַזוי אַז עס זאָל נישט ארויסגיין פון מיין מויל אַפילו אַ פאַרדאַכט פון ליצנות חס ושלום, און זיך פירן מיט גרויס באַשיידנקייט און שפלות, און נאָך דריי טעג פאַסטן נאָכאַנאַנד מיט אַ זאַק און אַש וועל איך זוכה זיין צו רוח הקדש, און נאָך צוויי און האַלב יאָר וועל איך דערגרייכן צו אַ גרויסן פאַרשטאַנד. די אורזאַך פאַרוואָס עס האָט זיך געפאָדערט צוויי און האַלב יאָר, ווייל אין מיינע בחורישע יארן בין איך געזעסן צוויי און האַלב יאָר און נישט געלערנט תורה מיט התמדה און איך האָב נישט מדקדק געווען צו טאָן מעשים טובים, דעריבער האט זיך געפאָדערט פון מיר תשובה צו טאָן צוויי און האַלב יאָר. אין די פאַסט טעג פון מאָנטיג, דאָנערשטיג און מאָנטיג און דערנאָכט דערנאָך, האָב איך זיך געפירט אָנצוטאָן אַ זאַק און אַש אין מיט אַ געוויין זיך לייגן אויף דער ערד אָדער אויף די אַש און לייגן אַ שטיין צו׳ר קאָפּנס און צו טראַכטן השם יתברך׳ס נאָמען הוי״ה פולערהייט מיט דעם כולל אַזוי: יו״ד ה״ה ו״ו ה״ה. דאָס איז גימטריא אב״ן אָדער אַזאַ נוסח: יו״ד ה״ה וא״ו ה״ה. דער עיקר זיך אויפצופירן מיט גרויס באַשיידנקייט און זיין זייער פאָרזיכטיק פון צאָרן און הקפדה.

## דער אריז״ל שטאַרקט און מוטיקט

**ו. ואמר,** און דער רב האר״י ז״ל האָט מיר געזאָגט איך זאָל געוואָרנט זיין אין דעם וואָס מיין נשמה האָט מיר געזאָגט, ווייל געוויס וועט אין דער אויבנדערמאָנטער צייט קומען אַ צעטומלעניש, מיר אָפּצוקערן פון דאָזיגען תשובה-וועג, און איך וועל נישט קענען אויסהאַלטן די סיגופים. נאָר וויבאַלד אַז די בחירה איז ביי

מיר אין האַנט, זאָל איך זען זיך צו שטאַרקן, מיט דער הילף פון השם יתברך, און נאָך עטלעכע טעג, דאָנערשטיג, האָט מיר דער אַריז״ל געזאָגט אַז אין דער וואָך וועסטו זען מיט דיינע אויגן ווי אַ רוח קדושה וטהרה רינגלט דיך אַרום, און דאָס ווייזט אַז פון הימל האָט מען געשיקט דעם הייליקן רוח מיר צו העלפן איך זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן פון טאָן תשובה און אַריינגעבן אין מיר שטאַרקייט און געוואַגטקייט איך זאָל צוקומען צום גרויסן פאַרשטאַנד, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך וועל זוכה זיין צו רוח הקודש.

## רוח הקודש אין זכות פון גלוסטן נאָך חידושי תורה

**ז. וכאשר**, און אַז איך האָב זוכה געווען, האָט מיר מיין רבי דער אר״י ז״ל געזאָגט, אַז איך האָב זוכה געווען דערצו וויבאַלד איך האָב זייער געגלוסט צו חידושי התורה און מיין נשמה האָט מיר אין דעם אַרויסגעהאָלפן, און דער אריז״ל האָט מיר צוגעזאָגט אַז עס וועט אַריינקומען אין מיר נאָך אַ נשמה פון איינעם פון די הייליגע צדיקים, דורך דעם סוד העיבור, און ער וועט מיר העלפן זיך שטאַרקן אין יראת השם, און דער עיקר דער זכות פון באַשיידנקייט, און פאַרשטאַנד אין תורת ה׳, און דורך די צוויי: באַשיידנקייט און יראה, וואָס דאָס מיינט ווייניק ריידן וואָס איז נישט וויכטיק.

## אַ חסיד קומט אין חלום מיט אַ שטאַרקע ליכט אויף די האָר פון קאָפּ און פון באָרד

**ח. כמו**, ווי מיר געפינען מיט אַ חסיד וועלכער איז געקומען צו זיין פרוי אין חלום נאָך זיין טויט, און זי האט געזען ווי די האָר פון זיין קאָפּ און באָרד לייכטן ווי אַ גרויסער פלאַם, האָט זי אים געפרעגט דורך וואָס האָסטו זוכה געווען צו אַזאַ גרויסע ליכט, האָט ער געענטפערט, כאָטש איז בין געווען אַ חסיד וואָלט איך נישט זוכה געווען צו דעם ליכט, נאָר איך האָב דערצו זוכה געווען וויבאַלד איך האָב ווייניק גערעדט אויסער תורה און יראה, און השם יתברך גיט

דערויף אַכטונג, און ער האָט מיר באַלוינט פאַר אויסמיידן ריידן. ווייל השם יתברך אַליין גיט אַכטונג אויף דעם מענטש וועלכער רעדט ווייניק וואָכעדיגע זאַכן און זיין באַגער איז זיך צו באַהעפטן אין יראת השם, און דאָס איז אַ מוסטער פאַר די וועלכע ווילן גיין אין ריכטיקן וועג, ווייל דורך דעם היט זיי השם יתברך זיי זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן אין אַ זינד, ווי עס שטייט (משלי יב, כא): "לֹא יְאֻנֶּה לַצַּדִּיק כָּל אָוֶן" - דעם צדיק וועט זיך נישט טרעפן קיין זינד. דאָס איז צוליב דעם וואָס השם יתברך היט איבער אים.

## אַ חסיד וועלכן מען האָט געוואָלט מכשיל זיין אין אַן עבירה האָט געהערט אין חלום אַ קלאַפּ אין פענסטער און איז דורך דעם ניצול געוואָרן

**ט. וכמה,** און ווי עס איז געשען אַמאָל צו אַ חסיד, אַז איינע פון די כתות פון סטרא אחרא האָט זיך צו אים באַוויזן אין חלום, כדי אַריינצוברענגען אין אים א כח הטומאה. האָט ער געהערט אַ קלאַפּ אין פענסטער, גלייך ווי איינער וואָלט שטאַרק געקלאַפּט אין פענסטער, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דער חסיד האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס איז אַ חסד פון השם יתברך וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט און אים געראַטעוועט פון די כחות הטומאה.

**י. ומזה,** און דערפון זאָל דער מענטש זען אַז השם יתברך וויל קדושה און טהרה, דעריבער איז ראַטזאַם פאַר יעדן איד ער זאָל זיך אַליין אויפוועקן צו טאָן אַ קליינע תשובה און דערנאָך (שבת ק"ד ע"א): "הַבָּא לִטַּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ" - דער וואָס קומט זיך רייניקן העלפט מען אים. און ער זאָל זיך נעמען שטאַרק צו טאָן אַ גרויסע תשובה און זיך צוגעוואוינען וואַשן די הענט צו דאַווענען מיט ריינקייט און זיין לערנען זאָל זיין מיט ריינקייט און דאַן וועט ער זוכה זיין צו דעם וואָס רבותינו זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (עבודה זרה כ' ע"ב): "טָהֳרָה מְבִיאָה הָאָדָם לִידֵי קְדֻשָּׁה" - ריינקייט ברענגט דעם מענטש צו

הייליקייט. און דער עיקר ריינקייט איז וואַשן די הענט, דעריבער וועל איך דערויף שרייבן ווייטער אַ גאַנצן פרק.

❖ ❖ ❖